**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער האקול אויף ווינטער אנפלייץ אין קאָוויד-19 פעלער**

״איך וויל דאנקען פרעזידענטביידען פאר זיין פירערשאפט אין באקעמפן די קאָוויד-19 ווינטער אנפלייץ איבער׳ן לאנד און נעמען גרונטליכע שריטן קעגן דער געכער פארשפרייטונג פון דער אָמיקראָן ווערינט.

אלס טייל פון אונזער סטעיט׳ס אויספירליכע ווינטער אנפלייץ פלאן האבן מיר גענומען דרייסטע שריטן צו מאכן וואקסינען, בוּסטערס, טעסטינג און מאסקעס ברייטער צוגענגליך אין אלע ווינקלען פון ניו יארק סטעיט, און מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו ברענגען פארלייכטערונג צו שפיטאל סיסטעמען כדי אז זיי זאלן קענען בלייבן פאקוסירט אויף באזארגן קעיר צו אלע ניו יארקער.

איך האב גערעדט היינט נאכאמאל מיט׳ן פרעזידענט איבער וויאזוי צו אדרעסירן דעם אנפלייץ און איך בין דאנקבאר אז ער רופט זיך אפ צו אונזערע פארלאנגען פאר נאך פערסאנאל צו שטיצן אונזערע שפיטעלער און געזונטהייט סיסטעמען, אריינגערעכנט דאס ארויסשטעלן 30 אמבולאנסן מיט שטאב צו אפסטעיט ערטער; נייע מאסן טעסטינג ערטער, אריינגערעכנט די ערשטע אריינצוגיין אין אפעראציע אין ניו יארק סיטי בעפאר קריסטמעס; און שנעלע טעסטס ווערן געשיקט דירעקט צו אמעריקאנער אין זייערע היימען. דאס איז ריכטיגע פירערשאפט.

איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע מיטארבעטשאפט מיט דערביידען אדמיניסטראציע אויף ארויסצוהעלפן ניו יארק סטעיט אזוי ווי מיר קעמפן דעם ווינטער אנפלייץ.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418